קורץ, אהרן שמואל (אסװע, װיטעבסקער גובערניע, דעם 28סטן יולי 1881- לאָנג-בײַטש, לאָנג-אײַלאַנד, דעם 30סטן מײַ 1964).

באקומען א טראדיציאָנעלע דערציִונג אונטער דער השגחה פֿון זײַן זיידן, א ליובאװיטשער חסיד. צו 13 יאָר, נאָכן טויט פֿון דער מאמען, גענומען װאנדערן איבער רוסישע הויפּטשטעט מחוצן תחום-המושב װוּ ער האָט געארבעט װי א פֿריזער און פּארוק-מאכער. צו 18 יאָר זיך אומגעקערט צום פֿאָטער אין דאָרף אלט-סלאָבאָדע. אין 1911 אימיגרירט קײן אמעריקע.

אין אמעריקע שטײט ער „בײַ די טויערן פֿון צװײ שטעט" -- פֿילא-דעלפֿיע און ניו-יאָרק. אין פֿילאדעלפֿיע ארבעט ער װי א פֿריזער, האָט חתונה און דרוקט די ערשטע לידער אין דער דאָרטיקער *די אידישע װעלט* (אויף א"פ אזראעל) (1916). אין אײנעם מיט קאָלעגן גיט ער ארויס פֿיר נומ' פֿונעם חודש-זשורנאל *דער צװײַג* (1919), דרוקט זיך אין זישע װײַנפּערס *בײַם פֿײַער* און גיט אלײן ארויס צװײ נומ' פֿון *קורץ'ס נאָטיצן* (אפּר-מײַ 1922) װוּ עס פֿילט זיך שטארק זײַן איזאָלירטקײט פֿונעם ניו-יאָרקער צענטער. בײַם איבערציִען זיך סוף-כּל-סוף אהין נעמט מען אים אויף אינעם קרײַז מאָדערניסטן. ער דרוקט זיך אין *אין זיך* (1923), *1925*, *1926*, און *אונדזער בוך* (1927-1928). אין אײנעם מיט ליכט, מינקאָװ און סטאָדאָלסקי שרײַבט ער זיך אונטער אויף אַן אָפֿענעם בריװ צו פּרץ מארקיש (*ליט. בלעטער*, 1925, נומ' 72).

קורץ האַלט אין אײן זוכן אַן אײנהײטלעכע אידעיִשע סבֿיבֿה און פּרוּװט זיך אלײן געפֿינען דורך פּאָלעמיק און מאניפֿעסטן („װוּהין גײען מיר" *1926*, נומ' 1/2; „פֿאָרװאָרט" צו *פּלאקאטן* [נ"י 1927]; „פּראָבלעמען פֿון פּראָלעטארישער ליטעראטור" *אונדזער בוך*, ב' צװײ [1927]). ער װארפֿט אָפּ סײַ דעם פּסיכאָלאָגישן רעאליזם פֿון די אינזיכיסטן, סײַ דעם דראנג נאָך פֿארשטענדלעכקײט און קאָנװענציאָנעלע פֿאָרמען װאָס ער געפֿינט אין דער סאָװעטיש-ייִדישער פּאָעזיע. פֿון דעסטװעגן, נאָך 1928 װערט ער א מיטגליד אין דער קאָמוניסטישער פּארטײ און דרוקט זיך פֿון דעמאָלט אָן

בלויז אין לינקע אָרגאַנען: דער האַמער, סיגנאַל, מאָרגן-פֿרײַהייט, דער פֿונק, דער קאַמף (טאָראָנטאָ), זאַמלונגען, ייִדישע קולטור, סאָוועטיש היימלאַנד א״אַנד. אין די פֿרײַע 30ער באַזוכט ער דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד ווי אַ מיטגליד פֿון פּראָלעטפּען. אין 1935 פֿאָרט ער אויף אַ לעקציע-טור איבער אַמעריקע פֿאַרן אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער-אָרדן און שפּעטער רעדאַקטירט ער אַ צווייִשפּראַכיקע צײַטונג לטובֿת דעם רוסישן מלחמה-רעליף.

אין 1951 האָט ק. צום צווייטן מאָל חתונה, מיט אָלגע קאַבראַל, אַן ענגלישע דיכטערין. פֿון 1957 ביזן טויט גיט ער אַרויס הײַנטיקע לידער, אַ פֿערטליאָר-שריפֿט פֿאַר פּאָעזיע וואָס ער אַליין פֿילט אָן מיט לידער, עסייען און איבערזעצונגען. דאָס א״אַנד זעלבשטענדיקע אַקטן רופֿן אַרויס אַ שאַרפֿע פּאָלעמיק מצד פּאַרטייִשע קרײַזן.

פּאָעטיש איז ק. אַן עפּיגאָנישער מאָדערניסט. די הויפּט-השפּעות האָבן אויף אים געהאַט מאַיאַקאָווסקי, מיכל ליכט, גלאַטשטיין און לייעלעס. די צוויי קעגנדיקע פּאָלוסן פֿון זײַן פּאָעטישער פּערזענלעכקייט דריקט ער צום בולטסטן אויס אין די פּערסאָנע-געשטאַלטן פֿיגאַראָ און שמואל באַרביערע, זײַן טאָפּל-פֿיגור. „דער ווילדער, אומדערפֿאַרענער יונגער פֿיגאַראָ איז דער סימבאָל פֿון ייִדישן פּחד, די מורא פֿאַרן לעבן און נאָך מער פֿאַרן טויט... שמואל באַרביערע...קיניגט איבער זײַן פּחד.״ „פֿיגאַראָ איז כאַאָטישער פֿײַער, באַרביערע -- שטילקייט, געצאַמטקייט, פֿרישקייט און זעליקער סוד, וואָס הייסט ערד״ (נ.ב. מינקאָוו). אין די בעסטע לידער, ווי למשל אין „הײמע טושן״ (לידער, זז' 74-75, 1928), גיט ער איבער אַ ריין לירישן מאָמענט דורך געוואַגטע נאַטור-אימאַזשן, עקספּערימענטאַלער פֿערזפֿאָרם, שפּילעוודיקע גראַמען -- אַלץ אין אַ גרויסשטאָטיש געראַם.

זײַנע ווערק: כאַאָס, [פֿילאַדעלפֿיע]: פֿ״ג ניי-אידיש, 1920, 160 זז'; פֿיגאַראָ, פּאָעמען, נ״י 1924, 64 זז'; פּלאַקאַטן, נ״י: פֿ״ג אידיש לעבן, 1927, 80 זז'; די גאָלדענע שטאָט. לידער און פּאָעמעס, נ״י: ביראָ-בידזשאַן ברענטש 37 אאָ״אָ, 1935, 160 זז'; נאָ-פּאַסאַראַן. לידער, באַלאַדעס

און פּאָעמעס פֿון שפּאַנישן פֿאָלק אין זײַן קאַמף קעגן פֿאַשיזם, נ"י, קאָאָפּעראַטיװער פֿאָלקס-פֿ"ג פֿון אַ"אַ, 1938, 95 זז'; משה אַלגין, לידער, קליװלענד: שטאָט-קאָמיטעט פֿון ייִדישער סעקציע אַ"אַ, 1940, 15 זז'; מאַרק שאַגאַל, נ"י: פֿ"ג מײַנע לידער, 1946, 94 זז' אילוסטרירט -- רעקאָרדירט אויף פֿאָלקװײס-פּלאַטן נומ' 9949; לידער, רעד' אַבֿרהם ביק, נ"י: אָרן קורץ-בוך-קאָמיטעט, 1966, 384 זז' אילוסטרירט [די זאַמלונג שפּיגלט פמעט אין גאַנצן ניט אָפּ זײַן פּרע-קאָמוניסטישע שאַפֿונג; נעמט אַרײַן אויך זײַנע איבערזעצונגען]. אויף ענגליש: <u>Marc Chagall</u>, <u>A Poem</u>, tmans. S.P. Rudens, rev. & ed. Olga Cabral (Long Beach: French-American Gallery, 1961), 92 pp. illus.

רײזענס לעקסיקאָן, ב' 3, שפּ' 616-618; יעפֿים ישורין, „אָרן קורץ-ביבליאָגראַפֿיע," אין לידער (נ"י 1966), זז' 373-376 מיט צוגאָבן פֿון דער אָן קורץ-בוך-קאָמיטעט. הײַנטיקע לידער, נומ' 26/7 (1964); הערמאַן גאָלד, אונדזער בוך, ב' 1(1926), 371-373; יעקבֿ גלאַטשטײן, דאָרט גופֿא, 53-54 [אָפּרוף אויף „װוּהין גײען מיר?"]; בער גרין, ייִדישע קולטור, נאָװ' 1964; ל. באַנוקאָװ, ליטעראַרישע עסײען (נ"י 1960), זז' 108-121 (װעגן נאָ-פּאַסאַראַן און מאַרק שאַגאַל]; נ.ב. מינקאָװ, ~~באַלן~~ <u>1925</u>, נומ' 1, 11-25 [װעגן באָאַס און פֿיגאַראָ]; באַסיע קופּערמאַן, באָדן, מאַרץ 1936 [װעגן די גאָלדענע שטאָט].